## גליון 278

## תזו"מ תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# שַׂבְּעֵנוּ מִטּוּבֶךָ

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט וַוייטֶער נָאכְגֶעיָאגְט דִי בְּהֵמוֹת אִין וַואלְד, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אַלְץ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. יֶעדֶעס מָאל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפּ צוּ עֶסְן אוּן וֶוען עֶר הָאט זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּרִיק אַנְטְלָאפְן. עֶר אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן. דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גֶעשְׁרַייעֶן פוּן דִי חַיּוֹת אִין וַואלְד, אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיף אַ בּוֹים, וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן. עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים צוּרִיק דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז דָא וַוייל עֶר אִיז נָאכְגֶעלָאפְן זַיין פֶערְד וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אָפְּצוּרוּעֶן.

וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג אִינְדֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט דִי בְּהֵמוֹת. זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּיָאגְן דִי בְּהֵמוֹת מִיטְ'ן פֶערְד. דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אַנְטְלָאפְן נָאךְ וַוייטֶער. אִינְצְווִישְׁן הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ זֶעקְל מִיט בְּרוֹיט, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ בַּאגֶעגְנְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ. יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי בִּיסְטוּ אַהֶערְגֶעקוּמֶען?" עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: "הֶער אוֹיף נָאכְצוּיָאגְן עֲבֵירוֹת! דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין בְּהֵמוֹת; דָאס זֶענֶען דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס פִירְן דִיךְ אַזוֹי צוּ בְּלָאנְדְזְשֶׁען. גֶענוּג! קוּם מִיט מִיר, אוּן דוּ וֶועסְט גֶעפִינֶען וָואס סְ'אִיז בֶּאֱמֶת גוּט פַאר דִיר."

דֶער טָעוּת אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן, אוּן דִי בּוּשָׁה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶר יָאגְט נָאךְ פַארְלוֹירֶענֶע חַיּוֹת, הָאט אִים דֶער 'וַואלְד-מֶענְטְשׁ' - דֶער צַדִּיק - אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען גָארְנִישְׁט קֵיין חַיּוֹת, נָאר זַיינֶע עֲבֵירוֹת! דַאן הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס סְ'אִיז בֶּאֱמֶת גוּט פַאר דִיר."

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג, אוּן אֱלִיעֶזֶר'ל הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעאַיילְט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי. קֵיין חֶדֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, דֶער טֶענְדֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעקֶענְט וַוייטֶער שְׁלָאפְן רוּאִיג. הֶערְשְׁט אוּם 10:33 הָאט עֶר זִיךְ פוֹילֶערְהֵייט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן מִיט זַיינֶע צְוֵויי בַּאלִיבְּטֶע גְרוֹיסֶע טְרַאקְטָארְס. אֵיינְס אִיז גֶעפָארְן פָארְאוֹיס, דָאס צְוֵוייטֶע צוּרִיק; אֵיינְס הָאט גֶעהוֹיבְּן אוּן דָאס צְוֵוייטֶע הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט. דֶערְנֶעבְּן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קֶעסְטְל מִיט בָּאלְס, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן גְרוֹיסְן בּוּלְדָאזֶער, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן צוּ דֶעם הוֹיז וָואס עֶר הָאט גֶעבּוֹיט פוּן הָאלְצֶערְנֶע בְּלָאקְן.

פִיר שָׁעָה זֶענֶען פַארְבַּיי גֶעפְלוֹיגְן שְׁנֶעלֶער וִוי מְ'מֵיינְט. עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט מַאגְנֶעטְן, גֶעבּוֹיט וֶועגְן אוּן שְׁטְרָאזְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי צַייט פוּן דַאוֶוענֶען אִיז שׁוֹין לַאנְג אַרִיבֶּער. אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען נַאשׁ פוּן שַׁאנְק אוּן גֶעגֶעסְן אֵיין צוּקֶערְל נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. כִּמְעַט אַ גַאנְצֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער, אוּן אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט גָאר שְׁפֶּעט צוּ דַאוֶוענֶען! דֶעם נֶעקְסְטְן טָאג הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט; עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט גָאר שְׁפֶּעט, אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ זַיינֶע שְׁפִּילְצַייג וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעלֶעגְן צֶעוָוארְפְן פוּן נֶעכְטְן, אוּן זִיךְ פַארְשְׁפִּילְט דָארְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעָה'ן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּ מָאלְן מִיט לוֹרְדִים אוֹיף גְרוֹיסֶע פַּאפִּירְן. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן אַסַאךְ זִיסְוַוארְג, גֶעדַאוֶוענְט גָאר שְׁפֶּעט, אוּן כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט...

דְרַיי טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִין וַוייבֶּער שׁוּל הָאט עֶר גֶעזֶען זַיינֶע חֲבֵרִים זִיצְן אוּן הֶערְן אוֹיס אַ גֶעשְׁמַאקְן מַגִּיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קְהִילָּה לְכָבוֹד דִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג. עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט צוּהֶערְן, אוּן זַיין הַארְץ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן.

"אִיר וֵוייסְט, טַייעֶרֶע קִינְדֶער," הָאט דֶער מַגִּיד אוֹיסְגֶערוּפְן. "אוּנְזֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז נָאכְגֶעלָאפְן דִי חַיּוֹת אוּן זֵיי גֶעיָאגְט אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז דֶער צַדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶר יָאגְט בִּכְלַל נִישְׁט נָאךְ קֵיין חַיּוֹת, נָאר זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ מִיר, וֶוען מִיר לוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאךְ דִי הַבְלֵי הָעוֹלָם אוּן נַארִישְׁקַייטְן, אִיז דָאס נָאר וַוייל מִיר שְׁפִּירְן אַ חִסָּרוֹן אִין אוּנְז. אָבֶּער בֶּאֱמֶת, דָאס וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אִיז וֶוען מִיר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. וַוייל וֶוער סְ'יָאגְט נָאךְ זַיינֶע שְׁפִּילֶערַייעֶן אוּן דִי וֶועלְטְלִיכֶע תַּאֲווֹת אַ גַאנְצְן טָאג, טוּט דָאס נָאר וַוייל עֶר פִילְט לֵיידִיג. מִיר זֶענֶען נִישְׁט זַאט אוּן צוּפְרִידְן פוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז, אַז נָאר תּוֹרָה, מִצְווֹת, חֶסֶד אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אֱמֶת'ע סִיפּוּק, אוּן מִיר מוּזְן אוֹיפְהֶערְן נָאכְצוּיָאגְן דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל דָאס זֶענֶען פָּשׁוּט אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת."



# ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"א - מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו (4)

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיפוּנֶען** (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט עֶס נָאךְ גְיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת) **אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט.** אוּן דָאס אִיז בְּוַודַאי זַייעֶר חָשׁוּב אִין אַ מִדְבָּר. הָאט עֶר גִינוּמֶען דֶעם זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. אוּן אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען דִי בְּהֵמוֹת.

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט** אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה דֶערְשְׁרָאקְן נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט. הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גִיהַאט. ווייל עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְשְׁן.

**הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער מֶענְשׁ.** ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר צוּרִיק גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְשְׁן. ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער הָאט אִים יֶענֶער מֶענְשׁ גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְווִינְדֶערְט זִיךְ) מַיְינֶע עֶלְטֶערִין. אוּן מַיְינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין. **אָבֶּער דוּ. ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער.** ווָארִין אַהֶער קוּמְט גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט פוּן דֶעם יִשּׁוּב. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין. ווָארִין עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט. ווָארִין עֶר זָאגְט אַז זַיְינֶע עֶלְטֶערִין זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין. אוּן קֵיין מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם יִשּׁוּב קוּמְט גָאר אַהֶער נִיט. **הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר אִים גָאר נִיט גִיטָאן אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גִיוֶועין (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ נִיט גִיטָאן. דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת)

**אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד** הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. ווָאס טוּסְטוּ דָא הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת. הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ צוּ אִים אָנְגִירוּפְן הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאךְ יָאגִין דַיְינֶע עֲווֹנוֹת.

**ווָארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין בְּהֵמוֹת נִיט. נָאר דַיְינֶע עֲווֹנוֹת פִירִין עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם. גִינוּג שׁוֹין. דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען דָאס דַיְינִיקֶע** (כְּלוֹמַר דַיין שְׁטְרָאף הָאסְטוּ שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען) הַיְינְט הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵיי נָאךְ צוּ יָאגִין. קוּם מִיט מִיר. וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ. **אִיז עֶר מִיט אִים גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. מִיט אִים צוּ רֵיידִין אוּן צוּ פְרֶעגִין אִים עֶפֶּעס ווָארִין אַזוֹי אַ מֶענְשׁ. טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אִיז עֶר אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען. **דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט זַיין חַבֵר.** ווָאס עֶר הָאט נָאךְ גְיָאגְט דָאס פֶערְד. אוּן תֵּיכֶף ווִי עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף אֵיין ווִינְק גִיטָאן. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָאר נִיט הַאנְדְלֶען. ווָארִין דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט. **אוּן אִיז תֵּיכֶף גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אִים דָאס אַיין גִירוּימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט וְכוּ' (כַּנַ"ל) דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גִיטָאן (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד)

**הָאט עֶר גִיזֶעהְן.** עֶר הָאט אֵיין זַאק מִיט בְּרוֹיט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ בֶּעטִין.

בְּרוּדֶער. סֶע אִיז שׁוֹין כַּמָּה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסִין. גִיבּ מִיר בְּרוֹיט.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט.** דָא אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְּט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט. וָואוּרִין מַיין לֶעבִּין אִיז בִּילְכִיר. אִיךְ בַּאדַארְף דָאס בְּרוֹיט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין. **אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין.** אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין וָואס אִיךְ **וֶועל דִיר גֶעבְּן** (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְּט בְּוַודַּאי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) **הָאט עֶר אִים** (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְּט בְּוַודַּאי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) **גִיעֶנְפֶּערְט.** וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גֶעבִּין פַאר בְּרוֹיט אִין דֶער מִדְבָּר. **הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט** (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט עֶס גִיבֶּעטִין דָאס בְּרוֹיט הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָואס עֶר אִיז גִיוֶועֶן דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ) **אִיךְ גִיבּ מִיךְ** אִין גַאנְצִין אַוֶועק. אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם בְּרוֹיט. **הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועֶן.** (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּהֵמוֹת הַנַּ"ל) קוֹיפִין אַ מֶענְטְשְׁן אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבִּין בְּרוֹיט. הָאט עֶר אִים גִיקוֹיפְט פַאר אֵיין אֵייבִּיגִין קְנֶעכְט. **אוּן עֶר הָאט אִים גִישְׁוואוֹירִין** מִיט שְׁבוּעוֹת. אַז עֶר זָאל אִים זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר זָאל אִים גֶעבִּין בְּרוֹיט. דְהַיְינוּ זֵיי זָאלִין בֵּיידֶע עֶסִין פוּן דֶעם זַאק בְּרוֹיט בִּיז סֶע וֶועט אוֹיס גֵיין. **אוּן זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען** אִין אֵיינֶעם אוּן זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. אוּן דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט. אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין זַיין קְנֶעכְט גִיוֶועֶן. אוּן זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) **אוּן דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אִים אַבִּיסִיל גְרִינְגֶער גִיוָוארִין** (מַחְמַת עֶר הָאט גִיהַאט שׁוֹין אַ קְנֶעכְט) אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיף הֵייבִּין עֶפֶּעס אַ זַאךְ אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּן. **הָאט עֶר גִיהֵייסִין זַיין קְנֶעכְט** אַז עֶר זָאל עֶס אִים אוֹיף הֵייבִּין אָדֶער עֶפֶּעס טוּן. אוּן זֵיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועֶן נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים (דְהַיְינוּ שְׁלֶענְג אוּן עֶקְדִישִׁין) **הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין.** אוּן מַחְמַת פַּחַד הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד וִוי אַזוֹי וֶועלִין מִיר דָא אַרִיבֶּער גֵיין הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט. אֶלָּא מַאי וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ. אוּן הָאט אִים גְוִויזִין זַיין שְׁטוּב וִוי זִי שְׁטֵייט אִין דֶער לוּפְטִין. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט אִים** (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּשָׁלוֹם אִיבֶּער גְפִירְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אוּן אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**אוּן דֶער** (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי בְּהֵמוֹת גִיטְרִיבִּין) הָאט זִיךְ גִישַׁאפְט מִיט זַיין קְנֶעכְט. וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט. הָאט עֶס דֶעם קְנֶעכְט זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין. וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ עֶסִין. וָוארִין הַיְינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין וָואס צוּ עֶסִין. אוּן נָאר פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין זָאל עֶר זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר הערן



## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (4)

**א. ווער האט געפונען א זאק מיט ברויט?**

- ☐ דער אמת'ער בן המלך
- ☐ דער צווייטער מענטש וואס איז געווען דארטן
- ☐ ביידע צוזאמען

**ב. וועמען האט דער אמת'ער בן המלך באגעגנט דארטן?**

- ☐ א מענטש וואס זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן זענען אויפגעוואקסן אין וואלד
- ☐ דער שומר פון וואלד
- ☐ זיין טאטע

**ג. וואס האט דער מענטש אים געענטפערט ווען ער האט געזאגט אז ער יאגט נאך זיינע בהמות?**

- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאכן פערד
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך דיינע עוונות
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך די בהמות

**ד. פאר וועלכע זאך האט דער אמת'ער בן המלך געגעבן ברויט פאר דער מענטש פון די פערד?**

- ☐ אז ער וועט זיין, זיין קנעכט ביז מ'קומט אין שטאט אריין
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין אייביגער קנעכט
- ☐ אז ער וועט אים געבן אסאך געלט

**ה. וואו איז געשטאנען די שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**

- ☐ אויף א בוים
- ☐ אין דער לופט
- ☐ אין הימל

**ו. וויאזוי זענען זיי אריין אין דעם שטוב?**

- ☐ זיי זענען אריין געשפרונגען
- ☐ איינער איז ארויף אויפ'ן אנדערן
- ☐ דער מענטש פון וואלד האט זיי אהין געברענגט

**ז. וואס האט פארדראסן פאר דעם קנעכט?**

- ☐ אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פאר איין שעה וואס ער האט געדארפט ברויט
- ☐ פארוואס נישט ער האט געטראפן די ברויט
- ☐ אז די פערד איז אים פארלוירן געווארן

**ח. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

- ☐ אז וועגן מ'האט עבירות מיינט מען אז מ'דארף שווער ארבעטן (נאכלויפן די בהמות)
- ☐ אז מ'דארף ווארטן ביז מ'זעהט די ישועה
- ☐ אז איך בין א בן ה______א, קינד פון דעם_______.

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**לויט וואס מיר האבן געלערנט ביי די מעשה – פון וויפל מענטשן האט דער אמתע'ר בן מלך מורא געהאט (זיך דערשראקן)?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (3)**

וויפל מאל ווערט דעמאנט ביי מעשה י' בערגיד ועני, און ביי אונזער מעשה "הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען"?

**אין מעשה י' - פיר מאל**

**אין מעשה י"א זיבן מאל**

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com